**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעצן צו מוטיגן זיכערע באנוץ מיט עלעקטרישע ביציקלעך און ליטיום-אייאָן באטעריעס און באשיצן ניו יארקער**

***ביל S.154-F/A.4938-D פארבאט פארקויף פון ליטיום-אייאָן באטעריעס וואס קומען נישט נאך מעניופעקטשורינג סטאנדארטן***

***ביל S.8743/A.9338 פאראדנט סטעיט אגענטורן צו אויפקומען מיט- און אויפהאלטן זיכערהייט מאטעריאלן***

***ביל S.8742/A.9337 פארלאנגט טרענירונג מאטעריאלן פאר ערשטע הילף מאנשאפטן פאר אינצידענטן פארמישנדיג ליטיום-אייאָן באטעריעס***

***ביל S.7503-B/A.1910-B פארלאנגט ריטעילערס צו גיבן אנווייזונג ביכלעך פאר פראדוקטן מיט ליטיום-אייאָן באטעריעס***

***ביל S.9419/A.7628-A פארלאנגט באריכטן נאכפאלגנדיג עלעקטרישע ביציקל און סקוטער עקסידענטן פירנדיג צו פארוואונדעטע אדער פאטאליטעטן***

***ביל S.7703-B/A.8450-B פארלאנגט אז מאָופעדס זאלן רעגיסטרירט ווערן דורך דילערס ווען זיי ווערן פארקויפט***

***ביל S.7760-A/A.8102-A פארלאנגט קליינע באוועגונג דעווייסעס צו האבן רויטע 'טעגס' ארום די טשארדזשינג דראט צוווארנען צו אויסשאלטערן ווען נישט אין באנוץ***

***ביל S.7744-D/A.8310-C פארלאנגט ריטעילערס צו ארויפלייגן א סטיקער אויף עלעקטרישע ביציקלעך וואס זאגט אן צו אויספאלגן טראפיק געזעצן און אריבערלאזן פיסגייער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א רייע בילס צו פארמערן אויפמערקזאמקייט איבער די זיכערע באנוץ מיט עלעקטרישע ביציקלעך און פראדוקטן וואס אנטהאלטן ליטיום-אייאָן באטעריעס און צו באשיצן ניו יארקער. אזוי ווי עלעקטרישע ביציקלעך זענען געווארן פאפולער, בויען די געזעצן ארויף אויף גאווערנער האקול'ס הויפט פריאריטעט פון האלטן ניו יארקער זיכער סיי אויפן שאסיי און סיי אראפ פון שאסיי.

"אזוי ווי די צאל מענטשן וואס האנדלען זיך איין עלעקטרישע ביציקלעך און באטעריע טעכנאלאגיע גייט ארויף, מוטיג איך ניו יארקער צו זיין אויפמערקזאם איבער די בעסטע זיכערהייט מאסנאמען און צו נוצן זייערע דעווייסעס און טשארדזשערס ווי עס דארף צו זיין", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געזעצן

שטרייכן אונטער אונזער פארפליכטונג צו העלפן ניו יארקער מאכן אויפגעקלערטע, זיכערע און קלוגע באשלוסן ווען זיי קויפן איין פראדוקטן מיט ליטיום-אייאָן באטעריעס און איבער וויאזוי זיי צו אמבעסטן אוועקלייגן און נוצן כדי צו פארמיידן נאך סיי וועלכע טראגעדיעס פון פאסירן."

ביל S.154F/A.4938-D פארבאט די פארקויף פון ליטיום-אייאָן באטעריעס צו גענוצט ווערן אין קליינע באוועגונג דעווייסעס (סקוטערס, א.ד.ג.), ביציקלעך מיט א צוהעלפנדע עלעקטרישע מאטאר אדער מאָופעדס, חוץ אויב די באטעריעס ווערן פאבריצירט אויספאלגנדיג געוויסע סטאנדארטן און פארשריפטן. ביל S.154F/A.4938-D לייגט אויך ארויף א ציווילע קנס פאר פארלעצונגען און אויטאריזירט דיסטריקט אטוירניס, קאונטי אטוירניס און לאקאלע רעגירונג לעגאלע אפיצירן צו אלע האבן די אויטאריטעט אין דעם זעלבן צייט צו אונטערנעמען אינפארסירונג שריט.

ביל S.8743/A.9338 פאראָרדנט די סטעיט דעפארטמענט צו ארבעטן צוזאמען מיט די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services) און מיט די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority) צו אנטוויקלען און אויפהאלטן זיכערהייט מאטעריאלן, אינפארמאציע און פארשריפטן אין באציאונג צו די פארמיידונג פייער סכנות, אריינרעכענענדיג צווישן אנדערע ליטיום-אייאָן באטעריעס, איבערגענוצטע ליטיום-אייאָן באטעריעס, ביציקלעך מיט א צוהעלפנדע עלעקטרישע מאטאר וואס פאלן אריין אין די אפטייטשונג אין טייל 102-C פון די וויהיקל און טראפיק געזעץ (Vehicle and Trafffic Law), מאָופעדס און קליינע באוועגונג דעווייסעס.

ביל S.8742/A.9337 פארלאנגט פון די סטעיט פייער אדמיניסטראטאר אין די אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל (Office of Fire Prevention and Control) פון די דעפארטמענט פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Department of Homeland Security and Emergency Services) צו צושטעלן טרענירונג מאטעריאלן פאר ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער אין באציאונג צו עמערדזשענסי אפרופונג צו אינצידענטן וואס פארמישן ליטיום-אייאָן באטעריעס.

ביל S.7503-B/A.01910-B פארלאנגט ריטעילערס פון קליינע באוועגונג דעווייסעס, ביציקלעך מיט א צוהעלפנדע עלעקטרישע מאטאר און מאָופעדס וואס ווערן געטריבן דורך ליטיום-אייאָן באטעריעס, און אזוי אויך ליטיום-אייאָן באטעריעס וואס זענען געווידמעט צו גענוצט ווערן פאר די איבנדערמאנטע דעווייסעס אדער ביציקלעך, צו גיבן פאר זייערע קונדן אן אנווייזונג ביכל.

ביל S.9419/A.7628-A פארלאנגט פון פאליציי און געריכטליכע אפיצירן וואס פארשן אויס אן עקסידענט מיט אן עלעקטרישע ביציקל אדער סקוטער וואס פירט צו פאטאליטעטן אדער פארוואונדעטע צו מאכן א באריכט צו די דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles), פונקט ווי די פאדערונגען וואס זענען שוין דא פאר קארן/טראקס און מאטארציקלען. ביל S.9419/A.7628-A פארלאנגט אויך פון די פאליציי צו אויספארשן אזעלכע אינצידענטן ווען זיי ווערן אויפמערקזאם געמאכט איבער זיי.

ביל S.7703-B/A.8450-B פארלאנגט אז מאָופעדס זאלן רעגיסטרירט ווערן אויפן פלאץ דורך דעם דילער ווען זיי ווערן פארקויפט אויב זיי וועלן גענוצט ווערן אין די סטעיט.

ביל S.7760-A/A.8102-A פארלאנגט אז קליינע באוועגונג דעווייסעס, מאָופעדס און ביציקלעך מיט צוהעלפנדע עלעקטרישע מאטארן זאלן האבן א רויטע 'טעג' ארום די טשארדזשינג דראט וואס ווארנט צו אויסשאלטערן ווען עס איז נישט אין באנוץ.

ביל S.7744-D/A.8310-C פארלאנגט פון ריטעילערס צו ארויפקלעבן א סטיקער אויף סיי וועלכע ביציקלעך מיט א צוהעלפנדע עלעקטרישע מאטאר און קליינע באוועגונג דעווייסעס וואס זאגט אן צו שטענדיג אריבערלאזן פיסגייער און אויספאלגן טראפיק געזעצן. די ביל גיבט אויך די אויטאריזאציע אז סיי וועלכע ריטעיל קערפערשאפט וואס פארלעצט דעם געזעץ וועט קענען באשטראפט ווערן מיט א קנס פון נישט מער פון $250 פער פראדוקט פאר די ערשטע פארלעצונג און נישט מער פון $1,000 פאר יעדע נאכפאלגנדע פארלעצונג.

**דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס קאמישאנער און פארזיצער פון די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע (Governor’s Traffic Safety Committee), מארק דזש. פ. שרעידער, האט געזאגט,** "איך אפלאדיר די שריט פון די גאווערנער און די לעגיסלאטור צו שטופן פאר די זיכערהייט פון עלעקטרישע ביציקלעך און צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו די סכנות פון ליטיום-אייאָן באטעריעס. דאס זענען וויכטיגע שריט צו האלטן ניו יארקער זיכער. בעפארן קויפן אן עלעקטרישע ביציקל, מאכט אייך באקאנט מיט אלעס וואס איר דארפט טוהן עס צו אויפהאלטן זיכערערהייט און פארמיידן פייערן."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט וואָלטער ט. מאסלי האט געזאגט,** "עלעקטרישע ביציקלעך און אנדערע פראדוקטן וואס ווערן געטריבן דורך ליטיום-אייאָן באטעריעס ווערן גענוצט מער און מער אין אונזערע טאג-טעגליכע לעבנס, אבער פילע קונדן ווייסן נישט איבער די פאטענציאלע סכנות וואס זיי שטעלן ווען זיי ווערן נישט גענוצט פארזיכטיגערהייט. עס איז קריטיש פאר ניו יארקע קליענטן צו פארשטיין וויאזוי צו נוצן, טשארדזשען און אוועקלייגן די פראדוקטן זיכערערהייט צו העלפן פארמיידן עקסידענטן און וואונדן. די נייע געזעצן טוהען נישט נאר אוועקשטעלן די נויטיגע באווארענונג מאסנאמען אין פלאץ, נאר זיי וועלן אויך העלפן פארמערן די אויפמערקזאמקייט און צושטעלן אויפקלערנדע מאטעריאלן וואס קענען העלפן האלטן ניו יארקער זיכער."

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "אזוי ווי די באנוץ מיט די באטעריעס זעצט פאר צו וואקסן, וואקסט אויך די פאטענציאל פאר מער פייערן וואס ווערן פאראורזאכט דורך זיי. ניו יארק סטעיט פייער אויטאריטעטן האבן שוין טרענירט נאענט צו 5,000 פייערלעשער איבערן סטעיט איבער ליטיום-אייאָן באטעריע עמערדזשענסיס, און מיר וועלן פארזעצן צו אויסברייטערן די אויפקלערנדע כלים וואס וועלן ראטעווען לעבנס און פארמעגנס."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "די פארשריפטן און מעניופעקטשורינג סטאנדארטן וואס זענען אנגענומען געווארן פאר עלעקטרישע באוועגונג דעווייסעס ווי עלעקטרישע ביציקלעך אדער סקוּטערס וואס ווערן געטריבן דורך ליטיום-אייאָן באטעריעס זענען וועזנטליך צו העלפן מער קונדן נוצן בויגזאמע, ריינע, עלעקטרישע טראנספארטאציע מיטלען. פארשטיין זיכערהייט פאדערונגען און פארשריפטן, אינפארמאציע איבערן איינקויפן און אוועקלייגן פראדוקטן און איבערן פארמיידן סכנות זענען וועגן וויאזוי מיר קענען ארבעטן צוזאמען צו זיכער מאכן אז ניו יארקער באקומען די מערסטע בענעפיטן מעגליך בשעת'ן פארקלענערן דאס זיין אויסגעשטעלט [צו סכנות] אזוי ווי מיר בויען אויף א מער ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע צוקונפט."

**סטעיט סענאטארשע קארדעל קלעיר האט געזאגט,** "ליטיום-אייאָן באטעריע פייערן האבן זיך פארשפרייט ארום סענאט דיסטריקט 30, און איך ארבעט שוין פלייסיגערהייט צו אויפקומען מיט פאראויסיגע שריט צו לייזן די פראבלעם א גאנץ יאר. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די וועזנטליכע רייע ביילס וואס רעכנט אריין דריי בילס אויף וועלכע איך בין א שטאלצע ספּאנסאר. אנגעהויבן פון היינט וועלן ניו יארקער בענעפיטירן פון פארשטערקערטע שוץ מאסנאמען און גוט אויספלאנירטע שריט וואס וועלן מינימיזירן און פארקלענערן די אויסזיכטן פון נייע פייערן דורכן פארמערן זיכערהייט, אויפמערקזאמקייט, טרענירונג און אפיל צו די פובליקום."

**סטעיט סענאטארשע איוואן טשוּ האט געזאגט,** "עלעקטריש-צוגעהאלפענע באוועגונג דעוויייסעס זענען וועזנטליך פאר ניו יארקע ארבייטער, אבער די סכנות וואס ליטיום-אייאָן באטעריעס שטעלן זענען געווען אומקאנטראלירט פאר צו לאנג און האבן געפירט צו צופיל פייערן אין אונזערע קאמיוניטיס. היינט נעמען מיר אונטער א באדייטנדע טריט אויף פאראויס ביים אפהיטן אונזערע קאמיוניטיס מיטן אונטערשרייבן בילס צו פארשטערקערן די זיכערע באנוץ מיט ליטיום-אייאָן באטעריעס און זיכערהייט אויפן גאס. די מאסנאמען – אריינרעכענענדיג אוועקשטעלן קלארע אנווייזונגען פאר טשארדזשינג דראטן און פאדערן פון ריטעילערס וואס פארקויפן עלעקטרישע ביציקלעך צו ארויפלייגן אן איינמעלדונג איבער די ריכטיגע כללים – וועלן שטופן פאר זיכערערע טשארדזשינג געוואוינהייטן, פארמערן אויפמערקזאמקייט איבער זיכערהייט אויפן גאס און העלפן פארמיידן עקסידענטן."

**סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "עס זענען דא צופיל אומלייסענסירטע מאָפּעדס אויף אונזערע געסער, און נאך ערגער דערפון — אויף אונזערע טראטוארן. איך האב באקומען מער קאמפלעינטס איבער די סכנות וואס די מאָפּעדס פאראורזאכן ווי איבער סיי וועלכע אנדערע אנגעלעגנהייט, און דאס איז די סיבה פארוואס איך האב אפגעהאלטן א כינוס דעם פרילינג ביי די מידטאון קאמיוניטי יוסטיץ צענטער צוזאמען מיט רעגירונג קאלעגן און פארמישטע קערפערשאפטן צו זוכן פּאליסי לייזונגען צו די וואקסנדע פראבלעם פון עלעקטרישע ביציקלעך און מאָפּעדס. די בילס וואס ווערן היינט אונטערגעשריבן דורך גאווערנער האקול זענען א דירעקטע תוצאה פון אונזער כינוס, און עס וועט אויפפאדערן מאָפּעדס צו רעגיסטרירט און לייסענסירט ווערן אויפן פלאץ ווען עס ווערט פארקויפט — בעפארן פארלאזן די שטח פון די מאָפּעד ריטעילערס. מיט דעם נייעם געזעץ אין קראפט, וועלן מער רעגיסטרירטע מאָפּעדס מיינען גרינגערע אינפארסירונג פון אונזערע טראפיק געזעצן און זיכערערע געסער. איך באדאנק די גאווערנער, מיט וועם איך האב אפגעהאלטן שמועסן איגבער די פראבלעם, צוזאמען מיט סענאט מאיאריטעט פירערין סטוּערט-קאזינס און מיין קאלעגע אסעמבלי מיטגליד בארעס, פארן העלפן ברענגען די ביל צו אריבערגעפירט און אונטערגעשריבן ווערן היינט."

**סטעיט סענאטארשע ליז קרוּגער האט געזאגט,** "קליינע באוועגונג דעוויייסעס זענען דא צו בלייבן, און זייער באנוץ זעצט פאר צו ברייטער ווערן, און דערפאר מוזן מיר אונטערנעמען שנעלע שריט צו זיכער מאכן אז זיי ווערן גענוצט אויף א פאראנטווארטליכע וועג וואס שטעלט נישט אנדערע מענטשן אין סכנה. אומזיכערע באטעריעס טוהען ביישטייערן צו אן ערנסטע דראאונג צו די געזונטהייט און זיכערהייט פון ניו יארקער אין זייערע היימער און ביי זייערע דזשאבס, אפגעזעהן צי דאס זענען דעליווערי ארבייטער וואס פרובירן צו אריינברענגען פרנסה אדער מענטשן וואס דינגען א היים נעבן אן אומאפיציעלע טשארדזשינג ביזנעס. ווען א שטיק עקוויפמענט האט די פאטענציאל צו פאראורזאכן אזויפיל שאדן, קענען מיר נישט איינפאך האבן א הפקר'דיגע צוגאנג אן קיין אויפזיכט. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע בילס היינט."

**סטעיט סענאטאר דזשערמי קוּני האט געזאגט,** "עס געשעהט צו אפט אז נישט גוט פאבריצירטע באטעריעס פארוואונדן עלעקטרישע סקוּטער און ביציקל באניצער, און אין טייל פעלער, האט דאס אפגעקאסט פאר מענטשן זייערע לעבנס. דאס איז אומאקצעפטירבאר. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן מיין ביל צו פארלאנגען די זיכערע באנוץ מיט ליטיום-אייאָן באטעריעס אין עלעקטרישע סקוּטערס און ביציקלעך — א סטאנדארט וואס וואלט שוין פון לאנג געדארפט אוועקגעשטעלט ווערן פאר די זיכערהייט פון ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר לוּאיס סעפּאלווידע האט געזאגט,** "די היינטיגע רייע בילס זענען א קריטישע טריט אויף פאראויס צו פארזיכערן די זיכערהייט און וואוילזיין פון אלע ניו יארקער. דורכן אדרעסירן די סכנות פארבינדן מיט ליטיום-אייאָן באטעריעס, טוהען מיר אונטערנעמען פאראויסיגע מאסנאמען צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס, גיבן די כלים פאר אונזערע ערשטע הילף מאנשאפטן מיט די נויטיגע טרעינירונג און

שטופן פאר די זיכערע באנוץ מיט די וועזנטליכע טעכנאלאגיעס. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו די צוועק, און איך בין שטאלץ צו שטיצן די קריטישע אינציאטיוון."

**סטעיט סענאטאר ברייען קעווענאו האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו שטיין מיט גאווערנער קעטי האקול און אונזערע קאלעגן אין די לעגיסלאטור אזוי ווי מיר פירן דורך די קריטישע רייע בילס געציהלט צו באשיצן ניו יארקער און שטופן פאר פאראנטווארטליך באנוץ מיט עלעקטרישע ביציקלעך און סקוטערס און די ליטיום-אייאָן באטעריעס וואס טרייבן זיי. מיט די שנעלע און ברייט-פארשפרייטע איינהאנדלונג פון די ציהענדע און ענווייראמענטאל-פאראנטווארטליכע טראנספארטאציע מיטלען, מוזן מיר אונטערנעמען שריט צו פארמיידן עקסידענטן און טראגעדיעס און צו גיבן כלים פאר מענטשן צו מאכן קלוגע באשלוסן וואס ביישטייערן צו א זיכערערע און מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט. צוזאמען, קענען מיר איינשפאנען די פאטענציאל פון די ערפינדערישע טעכנאלאגיעס בשעת'ן פארזיכערן די וואוילזיין פון אונזערע קאמיוניטיס און היטן אויף די סביבה פאר פילע קומענדיגע דורות."

**אסעמבלי מיטגליד אלעקס בארעס האט געזאגט,** "עלעקטרישע ביציקלעך זענען שנעל, אבער היינט האבן מיר געוויזן אז ניו יארק'ס רעגירונג רוקט זיך אפילו שנעלער. די באנוץ מיט עלעקטרישע ביציקלעך און מאָפּעדס איז געווארן גאר פארשפרייט אין ניו יארק סיטי. אונזער באריכט לעצטע יאר האט געפונען אז אן עלעקטרישע ביציקל איז געווען 27 מער ווארשיינליך צו פאראורזאכן טויט ווי א נארמאלע ביציקל. די רייע פון שכל'דיגע בילס וועלן האלטן ניו יארקער זיכערער פון באטעריע פייערן און עקסידענטן. דורכן פאדערן די רעגיסטראציע פון מאָפּעדס ביי די פלאץ וואו עס ווערט פארקויפט און די זאמלונג פון ציפערן איבער עלעקטרישע ביציקל עקסידענטן, מאכן מיר אונזערע געסער זיכערער און מיר פארמערן פאראנטווארטליכקייט."

**אסעמבלי מיטגליד קריסטאפער וו. איקוס האט געזאגט,** "די געזעץ וועט ראטעווען די לעבנס פון טאג-טעגליכע ניו יארקער. אלס א געוועזענער פיזיקס לערער, האב איך געארבעט מיט ליטיום-אייאָן באטעריעס פאר יארן. איך פארשטיי ווי סכנות'דיג זיי קענען זיין אויב מען באגייט זיך נישט מיט זיי ווי עס דארף צו זיין. א זאך אזוי איינפאך ווי ארויפלייגן א רויטע 'טעג' אויף די טשארדזשינג דראט אלס דערמאנונג צו אויסשאלטערן די דראט ווען עס איז נישט אין באנוץ קען העלפן פארמיידן צוקונפטיגע טויטליכע פייערן. איך באדאנק מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור פארן אריבערפירן די ביל, און איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע פובליק זיכערהייט ביל."

**אסעמבלי מיטגליד מעני דע לאס סענטאָוס האט געזאגט,** "די פייער סכנות וואס ווערן פאראורזאכט דורך ליטיום-אייאָן באטעריעס האבן געפירט צו די פארלוסט פון מענטשן'ס הייזער, וואונדן און פארלוירענע לעבנס צוליב נישט גענוג אינפארמאציע איבער די ריכטיגע באנוץ און נישט גענוג זיכערהייט סטאנדארטן. די מאטעריאלן און פארשריפטן וואס וועלן ארויסגעגעבן ווערן דורך די סטעיט דעפּארטמענט ווי פארלאנגט אונטער די נייע געזעצן וועלן ערלויבן קונדן און סופלייערס צו האבן מער אינפארמאציע איבער די ריכטיגע באנוץ מיט די באטעריעס און דעווייסעס וואס ווערן געטריבן דורך זיי. די אינפארמאציע, צוזאמען מיט די סעריע מאסנאמען וואס זענען אריינגעשריבן געווארן אין געזעץ היינט דורך גאווערנער האקול, וועט העלפן האלטן מענטשן און מענטשן'ס הייזער זיכער."

**אסעמבלי מיטגליד דזשעפרי דינאוויץ האט געזאגט,** "ליטיום-אייאָן באטעריעס זענען די הויפט אורזאך פון פייער טויטפעלער אין ניו יארק סיטי. די ביל וועט גיין א לאנגע וועג ביים אדרעסירן די שרעקליכע פראבלעם. איך בין דאנקבאר פאר די ארבעט פון סטעיט סענאטארשע ליז קרוגער אויף אונזער ביל, און איך באדאנק גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן די לעבנס-ראטעווענדע ביל."

**אסעמבלי מיטגלידערין סטעפּאני זינערמאַן האט געזאגט,** "פאר די פאַרגאַנגענע צוויי יאר, האבן מיר גארבעט צוזאמען מיט די FDNY צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו די סכנות פון ליטיום באטעריעס. א דאנק די באמיאונגען, האבן ניו יארקער יעצט די וויסנשאפט זיך צו באשיצן און צו באשיצן זייערע קאמיוניטיס, היטנדיג אויף סיי ביזנעס און סיי פריוואטע פארמעגנס. איך בין דאנקבאר פאר מיינע קאלעגן אין רעגירונג פאר זייער שתדלנות און שותפות אויף די קריטישע רייע בילס."

**אסעמבלי מיטגליד על טעילאר האט געזאגט,** "אלס א ניו יארק סטעיט געזעצגעבער פארטרעטנדיג די 71'סטע אסעמבלי דיסטריקט, בין איך געוואלדיג שטאלץ צו זעהן אונזערע באמיאונגען ווערנדיג פרוכטבאר מיט די אונטערשרייבונג פון די קריטישע געזעצן דורך גאווערנער האקול. אונזער דיסטריקט, פונקט ווי פילע געגנטער אין ניו יארק סיטי, האט געזעהן מערערע פייערן פאראורזאכט דורך ליטיום-אייאָן באטעריעס, ארויסהייבנדיג די דרינגנדע נויט פאר די ביל. דער נייער געזעץ פארזיכערט אז אונזערע עמערדזשענסי מאנשאפט מיטגלידער זענען אויסגעשטאט מיט די ספעציאליזירטע טרענירונג וואס זיי דארפן צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס און פארשטערקערן פובליק זיכערהייט. די געזעצן זענען א באדייטנדע טריט אין ריכטונג פון פארשטערקערן פובליק זיכערהייט און שטרייכן אונטער אונזער פארפליכטונג צו פאראויסיגע און פאראויס-קוקנדע לייזונגען פאר די פראבלעמען וואס מיר שטייען אויס. איך בין אזוי דערפרייידט אז מיר שרייבן אונטער די רייע בילס. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר שטיצע און איבערגעגעבנקייט צו היטן אויף די וואוילזיין פון אלע ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָזיק האט געזאגט,** "אלס פארזיצערין פון די קונדן באשיצונג קאמיטע, בין איך שטאלץ צו האבן פאראויס געפירט די רייע בילס וואס לייגן א פריאריטעט אויף די זיכערהייט פון קליינע באוועגונג מיטלען און פארקלענערן די סכנות פון ליטיום-אייאָן באטעריע פייערן אריבער ניו יארק. די ביללס זענען א באדייטנדע טריט פאראויס ביים שטיצן פובליק זיכערהייט און ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע אפציעס, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן זיי ארייננשרייבן אין געזעץ."

**אסעמבלי מיטגלידערין רעבעקא א. סירייט האט געזאגט,** "ליטיום-אייאָן באטעריע פייערן און לייכטזיניגע באנוץ מיט עלעקטרישע באוועגונג מאשינען שטעלן טויטליכע סכנות פאר אונזערע קאמיוניטיס. מיט די איינפירונג פון די היינטיגע רייע בילס אויף וועלכע איך בין שטאלצערהייט פון די ספּאנסארס, וועלן מיר פארזיכערן די וואקסנדע טעכנאלאגיעס און פארלאנגען פאראנטווארטליכע באנוץ פאר אלע ניו יארקער. קיינער טאר נישט געלאזט ווערן צו דארפן מורא האבן צו ארומגיין אין זייערע אייגענע געגנטער."

**אסעמבלי מיטגלידערין דעבארע גליק האט געזאגט,** "איך בין דערפרייידט געווארן אז מיר האבן מצליח געווען צו אריבערפירן עטליכע בילס דורכאויס די סעסיע וואס וועלן באשיצן פיסגייער וועלכע ווערן געצווינגען צו זיין וואכזאם בשעת'ן גיין ארום עלעקטרישע ביציקלעך און סקוּטערס, פארזיכערן די זיכערהייט פון די וואס פארלאזן זיך אויף עלעקטרישע ביציקלעך פאר טראנספארטאציע און פאדערן די זיכערע האנדלונג און באנוץ מיט ליטיום-אייאָן באטעריעס. באטעריעס אויפן 'גרויע מארקעט' זענען פאר צו שטעלן א סכנה נישט נאר פאר באניצער נאר פאר אונז אלע. מיר מוזן אלע אויספאלגן די כללים פון די שאסיי און טוהן מער צו פארזיכערן די זיכערהייט פון די וועלכע קענען אומווילנד געשעדיגט ווערן דורך אומרעגולירטע קליינע באוועגונג דעוויסעס אדער פון די באטעריעס וואס טרייבן זיי, און איך אפלאדיר די גאווערנער פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע בילס."

**אסעמבלי מיטגליד סטיוו אָטיס האט געזאגט,** "א דאנק פאר גאווערנער האקול און איר מאנשאפט פארן גיבן פריאריטעט פאר די בילס צו וואכזאם מאכן קונדן און פארשטערקערן זיכערהייט פון ליטיום באטעריע באנוץ. סכנות צו ערשטע הילף מאנשאפטן און צו די פובליקום קענען פארקלענערט ווערן דורך

זיכער מאכן אז יעדער פאלגט נאך די ריכטיגע סטאנדארטן ביים נוצן, אוועקלייגן און טשארדזשען כדי מיר זאלן קענען בענעפיטירן פון די אויפשטייגנדע טעכנאלאגיע."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשעסיקע גאנזאלעז-ראָהאַס האט געזאגט,** "אין מיין דיסטריקט האבן בירגער געהאלטן אין איין זיך פארבינדן מיט מיר ווייל עס זענען געווען עלעקטרישע ביציקל און מאָאופּעד אינצידענטן און זיי ווילן אז אונזערע געסער זאלן זיין זיכערער. היינט נעמט אונזער סטעיט אונטער עטליכע שריט צו נישט נאר סיגנאלירן פאר ניו יארקער אז מיר קימערן זיך מיט זייער זיכערהייט נאר צו טוהן זאכן זיי מאכן זיכערער. איך בין שטאלץ צו האבן געווען צווישן די ספּאנסארס אויף עטליכע פון די בילס, און איך באדאנק מיינע קאלעגן און די שתדלנים פארן זיי ברענגען ביז די אריבערפירונג, און גאווערנער האקול — פארן זיי איינשרייבן אין געזעץ. עס איז א פליכט אויף אונז אלע צו ארבעטן צוזאמען צו האלטן אונזערע שכנים זיכער."

**אסעמבלי מיטגליד טשארלס ד. פאַל האט געזאגט,** "אין לעצטיגע חודשים האבן מיר צוגעזעהן מערערע אינצידענטן פארמישנדיג די באטעריעס פאראורזאכנדיג טויטליכע פייערן אין מיין דיסטריקט, אריינרעכענענדיג סטעטן איילענד און לאָוועור מאנהעטן. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט ביים אריבערפירן די לעבנס-ראטעווענדע בילס אין געזעץ. די נייע מאסנאמען וועלן פארזיכערן זיכערערע סטאנדארטן און צושטעלן קריטישע הילפס-מיטלען פאר ערשטע הילף מאנשאפטן און קונדן צוגלייך, באדייטנד פארשטערקערנדיג זיכערהייט און ראטעווענדיג לעבנס."

**אסעמבלי מיטגליד סטיווען ראגא האט געזאגט,** "עס איז גאר וויכטיג אז אונזער רעגירונג זאל זיך אפרופן צו די זיכערהייט באדערפענישן פון קונדן וואס קומען ארויס ווען נייע טעכנאלאגיע קומט ארויס פאר ניו יארקער. די היינטיגע רייע בילס איז א סימן פון א רעגירונג וואס רופט זיך אפ צו די באדערפענישן, און זיי וועלן האלטן ניו יארקער זיכער דורך שטערקערע רעגולאציעס און קונדן זיכערהייט סטאנדארטן."

**אסעמבלי מיטגליד דעיוויד וועפּרין האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן היינט אריינשרייבן די בילס וואס וועלן באשיצן ניו יארקער אין געזעץ. צו אפט הערן מיר געשיכטעס אויף די לאקאלע נייעס איבער פייערן וואס קומען פון ליטיום אייאָן באטעריעס, פאראורזאכנדיג שאדן, חורבן און צומאל פארלוירענע לעבנס. די נייע באטעריעס דארפן זיין רעגולירט כדי איינוואוינער זאלן קענען פילן זיכער. ניו יארקער דארפן זיין באשיצט און אומשטאנד צו פילן זיכער ביי זיך אינדערהיים."

**ניו יארק סיטי קאונסיל ספיקער, עידריען עדעמס, האט געזאגט,** "טויטליכע פייערן פאראורזאכט דורך ליטיום-אייאָן באטעריעס מאנען איין א מער און מער שרעקליכע פרייז פון אונזערע קאמיוניטיס און פון ניו יארקער, אונטערשטרייכנדיג די וויכטיגקייט פון שטופן פאר לייזונגען אויף יעדע שטאפל פון רעגירונג. די איינשרייבונג פון די קריטישע סטעיט ביל אין געזעץ בויט ארויף אויף די ארבעט פון די סיטי קאונסיל וואס האט אונטערגענומען אנטשיידענע שריט צו פארמינערן פייערן און ראטעווען לעבנס. כאטש מער ארבעט פעלט נאך אויס צו פארמינערן די פארמיידליכע טראגעדיעס, בלייבן מיר פארפליכטעט צו ארבעטן צוזאמען צו פארשטערקערן שוץ מאסנאמען און היטן אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד געיל א. ברוּער האט געזאגט,** "געזעצגעבער דארפן בלייבן קאנצענטרירט אויף די פאראנטווארטליכקייט פון באניצער און אויף באטעריע זיכערהייט אזוי ווי ניו יארקער גייען אריבער צו עלעקטרישע ביציקלער, סקוּטערס און אנדערע לעגאלע קליינע באוועגונג דעווייסעס. עס זענען דא געוויסע לעגיסלאטיווע ענדערונגען וואס קענען נאר געמאכט ווערן דורך די סטעיט, און דערפאר באדאנק איך די לעגיסלאטור און גאווערנער פארן אריבערפירן און איינפירן די גאר-נויטיגע געזעצן. איך בין זיכער אז זיי וועלן פיל אויסמאכן אין ניו יארק סיטי."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין ריטא דזשאָוסעף האט געזאגט,** "איך בלייב שטארק איבערגעגעבן צו די זיכערהייט און וואוילזיין פון אונזער קאמיוניטי, און איך בין שטאלץ צו שטיצן די רייע געזעצן אויף ליטיום-אייאָן באטעריעס. די מאסנאמען וועלן זיכער מאכן אז נאר באטעריעס פון א הויכע קוואליטעט ווערן פארקויפט, זיי וועלן אהערשטעלן קריטישע זיכערהייט מאטעריאלן און אפפערן גאר וויכטיגע טרענירונג פאר אונזערע ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער. דורכן פאדערן אנווייזונג ביכלעך און פארשטערקערטע באריכטונג איבער עלעקטרישע ביציקל און סקוּטער עקסידענטן, טוהען מיר אונטערנעמען באדייטנדע שריט צו באשיצן ניו יארקער. די ארומנעמיגע צוגאנג שטרייכט אונטער די פארפליכטונג און איבערגעגעבנקייט צו פובליק זיכערהייט און די טעכנאלאגישע פארשריט, מאכנדיג אונזערע געסער און היימער זיכערער פאר יעדן."

**ניו יארק סיטי פייער קאמישאנער, לאורע קעווענאו, האט געזאגט,** "ליטיום-אייאָן באטעריעס זענען א געפארפולע פראבלעם וואס מיר האבן געארבעט מידלאזערהייט צו אדרעסירן. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און אונזערע פירער אין די סטעיט פאר זייער שותפות אויף די אנגעלעגנהייט. מיר רופן אויף ניו יארקער צו נוצן די רעקאמענדירטע מאסנאמען ווען עס קומט צו די דעווייסעס און צו טראכטן איבער זייער זיכערהייט, די זיכערהייט פון זייערע פאמיליעס, זייערע שכנים און ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער."

**ניו יארק סיטי פאליציי דעפארטמענט קאמישאנער, עדווארד א. קאבאן, האט געזאגט,** "פילע אומרעגיסטרירטע סקוּטערס און באגרעניצטע-באנוץ מאטארציקלעך טוהען נישט בלויז שטעלן א געפאר פאר פיסגייער און אנדערע דרייווערס ווען זיי ווערן געדרייווט לייכטזיניגערהייט, נאר זיי פארשוואכן אויך די זיכערהייט לענגאויס ניו יארק סיטי'ס טוריסט און האנדל געסער ווייל זיי ערמעגליכן קייטל גניבות, באוואפנטע רויבערייען און אנדערע געוואלדטאטן. אין די צייט וואס די NYPD זעצט פאר צו אראפנעמען רעקארד-הויכע צאלן פון אומלעגאלע מאטאר-געטריבענע ביציקלעך פון אונזערע געסער און טראטוארן, וועט דער שכל'דיגער געזעץ אפשטעלן די פראבלעם גלייך אויפן פלאץ וואו עס ווערט געקויפט, העלפנדיג אונז באקעמפן פארברעכן און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סיטי טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, אידעניס ראדריגעז, האט געזאגט,** "לעגאלע קליינע באוועגונג מיטלען אפפערן זיכערע און באקוועמע אפציעס פאר ניו יארקער צו אנקומען פון איין פלאץ צום אנדערן ארום די סיטי. דורכן פארבאטן נישט סערטיפייד באטעריעס און פארלאנגען מאָפּעדס צו רעגיסטרירט ווערן אויפן פלאץ וואו זיי ווערן פארקויפט, קענען מיר העלפן אפשטעלן די פארשפרייטונג פון געפארפולע, אומלעגאלע דעווייסעס און רעדוצירן פייערן פון אומרעגולירטע עקוויפמענט. מיר באדאנקען די גאווערנער און אונזערע שותפים אין די לעגיסלאטור פאר זייער שטיצע."

**פרעזידענט פון Uniformed Firefighters Association (פייערלעשער אין מונדירן פארבאנד), ענדרוּ אנסבראָו, האט געזאגט,** "די פרעצעדענטלאזע העכערונגען אין פייערן, ערנסטע וואונדן און טויטפעלער צוליב די אומרעגולירטע אדער איבערגענוצטע עלעקטרישע ביציקל באטעריעס האט געדארפט אדרעסירט ווערן. גאווערנער האקול'ס נייער געזעץ וואס פארבאט צו פארקויפן ליטיום באטעריעס וואס קומען נישט נאך אינדוסטריע סטאנדארטן וועט באשיצן די געזונטהייט, זיכערהייט און וואוילזיין סיי פון ניו יארקער און סיי פון ניו יארק פייערלעשער."

די נייע געזעצן בויען ארויף אויף די "קויפט זיכער, ריטשארדזשט זיכער" (Buy Safe, Charge Safe) סטעיט-ברייטע קאמפיין וואס גאווערנער האקול האט אנאנסירט פריער דאס יאר צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו די סכנות פון ליטיום-אייאָן באטעריע פייערן. די אונטערנעמונג צווישן עטליכע אגענטורן צוזאמען ציהלט צו אויפקלערן באניצער איבער וויאזוי צו ריכטיג איינקויפן, נוצן, ריטשארדזשען און היטן אויף דעווייסעס מיט ליטיום-אייאָן באטעריעס און איבער די פאטענציאלע סכנות פון דאס זיך באנוצן מיט זיי נישט ווי עס קומט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן